**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פארעפנטליכט ערשטיגע געפינסן פון אינטער-אגענטור פייער זיכערהייט ארבעטס גרופע**

***ארבעטס גרופע רעכנט אויס רעקאמענדירטע פארשטערקערטע זיכערהייט סטאנדארטן פאר באטעריע ענערגיע סטארעדזש סיסטעמען***

***רעקאמענדאציעס רעכענען אריין טוישן די פייער קאָוד פון ניו יארק סטעיט און באשטימען רעקאמענדירטע פראקטיקן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארעפנטליכט די ערשטיגע רעקאמענדאציעס פון די אינטער-אגענטור פייער זיכערהייט ארבעטס גרופע (Inter-Agency Fire Safety Working Group), אויסרעכענענדיג פארשטערקערטע זיכערהייט סטאנדארטן פאר באטעריע ענערגיע סטארעדזש סיסטעמען (battery energy storage systems, BESS). די ערשטיגע רעקאמענדאציעס רעכענען אריין מעגליכע ענדערונגען צו די פייער קאָוד פון ניו יארק סטעיט און אזוי אויך א ליסטע פון נאך געלעגנהייטן צו באשטימען און איינפירן רעקאמענדירטע פראקטיקן. אויב זיי וועלן אנגענומען ווערן, וועלן די ענדערונגען אריינליייגן אין געזעץ פארשטערקערטע זיכערהייט סטאנדארטן און פארזעצן צו אוועקשטעלן ניו יארק אלס א נאציאנאלע פירערין אין פאראנטווארטליכע און פארלעסליכע ענערגיע סטארעדזש אנטוויקלונג. די היינטיגע אנאנס קומט נאכדעם וואס די [ערשטיגע ציפערן](#) זענען פארעפנטליכט געווארן, מיט די געפינסן אז עס זענען נישט געווען קיינע באריכטעטע פארוואונדעטע און קיין שעדליכע שטאפלען פון גיפטיגע מאטעריאלן אויפגעכאפט נאכפאלגנדיג פייערן ביי באטעריע ענערגיע סטארעדזש סיסטעמען אין דזשעפערסאן, אראנדזש און סופאָלק קאונטיס לעצטער זומער.

"די באטעריע ענערגיע סטארעדזש אינדוסטריע ערמעגליכט קאמיוניטיס אריבער ניו יארק צו אריבערגיין צו א צוקונפט פון ריינע ענערגיע, און עס איז קריטיש אז מיר זאלן האבן די ארומנעמיגע זיכערהייט סטאנדארטן אין פלאץ", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אננעמען די ארבעטס גרופע'ס רעקאמענדאציעס וועט זיכער מאכן אז ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע ווערט דורכגעפירט זיכערערהייט און פאראנטווארטליכערהייט."

די [15 ערשטיגע רעקאמענדאציעס](#) וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן ווערן פארגעשלאגן דורך די ארבעטס גרופע, מיט אנווייזונג פון לאנד'ס פירנדע עקספערטן אין די נושא, נאכן דורכפירן א גרונטליכע אונטערזוכונג פון די עקזיסטירנדע פייער קאָוד פון ניו יארק סטעיט ( Fire Code of New York State, FCNYS) און אנדערע ענערגיע סטארעדזש פייער זיכערהייט סטאנדארטן. זיי אדרעסירן פארמיידנדע און רעאגירנדע מאסנאמען און אזוי אויך די רעקאמענדירטע סטאנדארטן, און זיי רעכענען אריין פארגעשלאגענע פאדערונגען אין פארבינדונג מיט די איבערבליק פון אפליקאציע דאקומענטן פאר פראיעקט פערמיטס, עמערדזשענסי אפרופונג פלאנירונג און לאקאלע פייער דעפארטמענט טרענירונג, צווישן אנדערע. די רעקאמענדאציעס טרעפן וועגן צו ווייטער פארבעסערן די רעגולאטארישע ראמען ארום

BESS אין ניו יאַרק, און זיי זענען געוווידמעט צו אַרויפגיין אויף ליטיום-אייאָן BESS וואָס זענען העכער פון 600 קילאוואַט-שטונדטן (kilowatt-hours, kWh). די רעקאָמענדאַציעס זענען אַנטוויקלט געוואָרן מיט אַ קאָנצענטראַציע אויף דרויסנדיגע סיסטעמען, BESS אין געביידעס מיט ספּעציפֿישע באַנוצן און אַנדערע באַטעריע ענערגיע סטאָרעדזש סיסטעמען אויף אַ פאַרנעם וואָס ווערט גענוצט אַלס חלק פון די גריד. זיי וועלן גענומען ווערן אין באַטראַכט דורך די ניו יאָרק סטעיט קאָוד קאונסיל ('קאָוד קאונסיל') צו מעגליך אַריינגעלייגט ווערן אין די קומענדיגע גירסא פון די FCNYS צו העלפן פאַרבעסערן דאָס באַנוץ מיט זיכערהייט סטאַנדאַרטן אין די סטעיט און מעגליך אַריבער דאָס לאַנד. אינטערעסירטע פאַרמישטע קערפּערשאַפטן זענען געמוטיגט זיך צו לאָזן הערן מיט קאָמענטאַרן אויף די ערשטיגע רעקאָמענדאַציעס צו די אַרבעטס גרופּע צו אַריינגעלייגט ווערן אין די ענדגילטיגע רעקאָמענדאַציעס וואָס וועלן אַריינגעגעבן ווערן צו די קאָוד קאונסיל צו גענומען ווערן אין באַטראַכט.

די צייט אָפּשניט פאַר די פּובליקום צו לאָזן קאָמענטאַרן איז אָפן ביז מערץ 5, 2024 אום 3:00 נאָכמיטאָג אויף די ניו יאָרקע זייגער.

באַטעריע ענערגיע סטאָרעדזש סיסטעמען זענען אַ קריטישע באַשטאַנדטייל צו קענען דערגרייכן אַ פאַרלעסליכע, עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט גריד אַזוי ווי דאָס אַוועקלייגן עלעקטריציטעט קען העלפן באַלאַנסירן די פאַרלאַנג אויף די גריד אין פאַרנומענע שעה'ן אָדער אין צייטן ווען ווייניגער עלעקטריציטעט ווערט אויפגעטריבן. נאָכגעפאָלגנדיג אַ סעריע פון פייערן ביי דריי BESS לאָקאַציעס אַריבער ניו יאָרק סטעיט אין דעם זומער פון 2023, האָט גאָווערנער האָקול צוזאַמענגערופן די אינטער-אַגענטור פייער זיכערהייט אַרבעטס גרופּע צו אַדרעסירן זיכערהייט זאָרגן אַרום ליטיום-אייאָן BESS. די אַרבעטס גרופּע רעכנט אַריין סטעיט אַגענטור באַאַמטע פון די ניו יאָרק סטעיט דיוויזיע פון היימלאַנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס, ניו יאָרק סטעיט אָפיס פון פייער פאַרמיידונג און קאָנטראָל, ניו יאָרק סטעיט ענערגיע פאָרשונג און אַנטוויקלונג אויטאָריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענוויירָאמענטאַלע אָפּהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), דעפּאַרטמענט פון פּובליק סערוויס און די סטעיט דעפּאַרטמענט, און אַזוי אויך לאַנד'ס-פירנדע BESS זיכערהייט אינדוסטריע עקספּערטן מיט די ציהלן צו אויספאָרשן לעצטיגע פּראָבלעמאַטישע אינצידענטן, אינספּעקטירן יעצטיגע אינסטאַלאַציעס און אידענטיפיצירן לעכער אין די געזעצן און אין די רעקאָמענדירטע אינדוסטריע סטאַנדאַרטן.

**NYSERDA פּרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האָט געזאָגט,** "צו קענען פאַרווירקליכן די פולע פּאָטענציאַל פון ניו יאָרק'ס ריינע-ענערגיע צוקונפט פאַרלאַנגט זיך פירערשאַפט און אַן איבערגעגעבנקייט צו די זיכערע און פאַראַנטוואָרטליכע באַנוץ מיט באַטעריע ענערגיע סטאָרעדזש סיסטעמען. די פאָרגעשלאָגענע רעקאָמענדאַציעס וואָס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן דורך די גאָווערנער'ס אינטער-אַגענטור אַרבעטס גרופּע שטעלט צו אַ בלופּרינט וויאַזוי צו פאַראויס רוקן די קריטישע טעכנאָלאָגיע מיט די לעצטע רעגולאַציעס, סטאַנדאַרטן און פּראַקטיקן צו באַהיטן קאָמיוניטיס און ערשטע הילף מאַנשאַפטן בשעת'ן זיכער מאַכן אַז די סיסטעמען זעצן פאָר צו פאַרשטערקערן די שטאַנדהאַפטיגקייט און ווירקזאַמקייט פון די סטעיט'ס עלעקטריציטעט גריד."

**ניו יאָרק סטעיט דיוויזיע פון היימלאַנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאָמישאַנער, דזשעקי בּרעי, האָט געזאָגט,** "באַטעריע ענערגיע סטאָרעדזש לאָקאַציעס זענען קריטיש צו רעדוצירן אונזער אָנגעוויזנקייט אויף פאָסיל ברענשטאָף און צו פאַרזיכערן ניו יאָרק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. די רעקאָמענדאַציעס וועלן העלפן פאַרזיכערן די זיכערע אָפּעראַציע פון די איינריכטונגען, און זיי וועלן דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע סטעיטס צו נאָכפאָלגן אַזוי ווי מיר בויען אַ גרינערע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די זיכערהייט פון ניו יארקער איז אייביג גאווערנער האקול'ס העכסטע פריאריטעט, און די רעקאמענדאציעס מאכן ניו יארק אלס א פירערין פאר אנדערע סטעיטס צו נאכמאכן. DEC עקספערטן האבן ארויסגעהאלפן די פייער זיכערהייט ארבעטס גרופע צו זיכער מאכן אז ענערגיע סטאָרעדזש באנוץ פראיעקטן זענען פאר צו באהיטן אונזערע קאמיוניטיס און די סביבה."

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס CEO, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "איך גראטוליר גאווערנער האקול פארן אננעמען אויף זיך א פירערשאפט ראלע מיטן אוועקשטעלן די וויכטיגע אינטער-אגענטור פייער זיכערהייט ארבעטס גרופע. באטעריע ענערגיע סטארעדזש סיסטעמען וועלן שפילן א הויפט ראלע ביים העלפן ניו יארק עררייכן א פארלעסליכע, עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט גריד און אונז העלפן נאכקומען אונזערע לאנד'ס-פירנדע ריינע ענערגיע פארלאנגען."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "ענערגיע סטארעדזש איז א נייע סארט טעכנאלאגיע וואס וועט העלפן פאראויס שטופן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע ריינע ענערגיע ציהלן און איז ערווארטעט צו האבן א ברייטע השפעה אין אונזער אריבערגאנג צו אן עלעקטרישע סיסטעם וואס איז אראפגענומען פון קארבאן. די זיכערהייט פון ענערגיע סטארעדזש סיסטעמען פארבלייבט א וויכטיגע קאנצענטראציע פאר די ניו יארק פאווער אויטאריטעט. דורך אונזער שטיצע אויף די גאווערנער'ס אינטער-אגענטור ארבעטס גרופע און דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט אנדערע סטעיט אגענטורן, גיבן מיר ייעוץ פאר די אינדוסטריע איבער פייער און זיכערהייט סטאנדארטן וועלכע וועלן ווייזן די וועג פאר די אנטוויקלונג פון ענערגיע סטארעדזש אינפראסטרוקטור פאר יארן אין די צוקונפט."

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף די פארשריט וואס ווערט געמאכט דורך די ארבעטס גרופע נאכפאלגנדיג די [פארעפנטליכונג פון די ערשטיגע רעזולטאטן] פון לופט, ערד און וואסער טעסטינג ביי די לאקאציעס פון די פייערן סוף לעצטע יאר. אין צוגאב פארענדיגט די ארבעטס גרופע יעצט פארהאנדלונגען מיט די באטעריע מעניופעקטשורערס און יוטיליטי פירמעס פון די באטראפענע איינריכטונגען כדי צו ארויסבאקומען 'שורש אורזאך אנאליז' (Root Cause Analysis, RCA) באריכטן פאר די ווארוויק, איסט העמפטאן און שוימאָנט פייערן. עקספערטן אין די באטרעפנדע פעלדער וועלן איבערקוקן און אנאליזירן באריכטן איינמאל זיי ווערן פארעפנטליכט.

די ארבעטס גרופע האט זיך אויך צוזאמגעשטעלט מיט עקספערטן אין די באטרעפנדע פעלדער צו אינספעקטירן אלע באטעריע סיסטעמען העכער 300 kW וועלכע זענען אין אפעראציע אין ניו יארק, זייענדיג די מערהייט פון קאמערציעלע באטעריע סיסטעמען וועלכע זענען אין סערוויס אריבער די סטעיט. אינספעקציעס זענען יעצט אונטערוועגנס און ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז די צווייטע פערטל פון 2024. די ציהל פון די אינספעקציעס איז צו איבערארבעטן די יעצטיגע אונטערזוכונג טשעקליסטעס און רעקאמענדירטע סטאנדארטן פאר די באנוץ פון ניו יארק סטעיט און אנדערע בעפארן אריינברענגען א באטעריע ענערגיע סטארעדזש סיסטעם אין דינסט, און צו אריינעמען די לעקציעס וואס ווערן אפגעלערנט פון די באטעריע פייערן בשעת'ן פארשטערקערן עמערדזשענסי אפרופונג מאסנאמען.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון

באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו עררייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן